# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת בא שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## גוטע הכשר

קכ) דער ראש ישיבה שליט"א איז שטענדיג מחזק די תלמידים זאלן אכטונג געבן וואס מען נעמט אריין אין שטוב, מען זאל אכטונג געבן עסן נאר גוטע הכשרים אפילו פאר די קינדער פון קליינווייז אן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "איינער פון די תלמידים פון הייליגן סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו וואס האבן געוואוינט אויף א פלאץ וואס עס איז דארט נישט געווען צוגעשטעלט געהעריג מהודר'דיגע פלייש מיט א גוטן הכשר, איז אמאל געקומען צום רבי'ן, ווען דער רבי זכותו יגן עלינו האט אים געפרעגט פון וואו ער האט דארט כשר'ע פלייש מיט א מהודר'דיגע הכשר, האט ער געזאגט פאר'ן רבי'ן, יעדע שטיק צייט ווען ער קומט קיין ניו יארק קויפט ער איין פלייש פון די היזיגע גוטע הכשרים, פאר זיינע קינדער גיבט ער פון די ארטיגע פלייש וואס האט נישט אזא גוטע הכשר.

האט דער רבי זכותו יגן עלינו געזאגט: "נישט גוט. ענדערש זאלן דיינע קינדער עסן פון די מהודר'דיגע השגחה, און דו זאלסט עסן די פלייש פון דארט (דאס מיינט נישט ח"ו דער רבי האט אים געוואלט זאגן ער זאל מזלזל זיין אין וואס פאר א פלייש ער עסט, דער רבי האט אים נאר געוואלט אויפקלערן אז עס איז נישט ריכטיג צו מזלזל זיין אין וואס די קינדער עסן מיט'ן אויסרייד אז "זיי זענען נאך קליין", ווייל וואס מען עסט ווערט נאכדעם איבערגעדרייט פאר בלוט פונעם מענטש. מען דארף זייער אכטונג געבן אויף די קינדער וואס זיי נעמען אריין אין מויל)".

## תקנות אין שטעטל

קכא) דער ראש ישיבה שליט"א האלט אין איין חזר'ן ביים רבי'ן איז געוועזן שלום בית א יסוד היסודות, נישטא כמעט א שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאל אונז נישט מחזק זיין אויף שלום בית.

איימאל איז דער ראש ישיבה געוועזן אין שטעטל האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אין שטעטל איז דא איין תקנה, מען מוז האבן שלום בית, דאס איז די שווערסטע תקנה, אבער עס איז דא מענטשן וואס דאס איז ביי זיי נישט א שווערע תקנה, אבער אויב איז דא איינער וואס האט נישט קיין שלום בית, די תקנה איז צו שווער, זאל ער גיין צו אן אנדערע קהילה וואס דער רבי אליינס האט נישט קיין שלום בית... דא אין די קהילה קען מען זיין נאר ווער עס האט שלום בית".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "שלום בית" איז נישט א זאך וואס מען קען קונה זיין און דערנאך זיין רוהיג "איך האב שלום בית"... שלום בית איז א זאך וואס מען דארף אויף דעם יעדן טאג ארבעטן, מען דארף רעדן שיין אין שטוב, מען דארף מוותר זיין - נאכגעבן, סיי דער מאן פאר די ווייב און סיי די ווייב פאר דעם מאן; ועל כולם דארף מען אסאך מתפלל זיין אויף דעם, בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך אויסקומען אין שטוב, עס זאל זיין א געשמאקע אטמאספער וכו' וכו'.

## ווערליידט?

קכב) דער ראש ישיבה זאגט: א מענטש וואס ארבעט זיך נישט אויס זיינע שלעכטע מידות אין די יונגע יארן, שפעטער ליידן אלע פון אים, די ווייב ליידט פון אים, די קינדער ליידן פון אים, אלע ארומיגע ליידן פון זיינע שווערע מידות; אבער דאס כאפן נישט מענטשן, די אלע ליידן קומט נישט צו, צו וואס דער מענטש זעלבסט

ליידט נעבעך פון זיך אליינס. אלע ארומיגע ליידן טאקע אין די שעות וואס זיי זענען נעבן אים, אבער דער מענטש אליין, איז דאך אלץ נעבן זיך, ער קען דאך נישט אוועקלויפן פון זיך אליינס... ליידט ער נעבעך די מערסטע פון יעדן פון זיינע אייגענע שווערע נאטורן וואס דאס קומט פון זיך נישט אויסארבעטן די מידות אין יונגע יארן.

פירט אויס דער ראש ישיבה שליט"א: "דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם מען זאל האבן גוטע מידות".

## פאררעכטן די וועלט

קכג) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט:

א גרויסער קעניג איז אמאל געזעסן מיט זיינע גענעראלן און פלאנירט איבער א גרויסע מאפע פרישע מלחמה טאקטיקן אויפ'ן שונא, דערנאך איז דער קעניג מיט זיינע מענטשן ארויס פון צימער פאר א קורצע איבעררייס, איבערלאזנדיג די מאפע אויפ'ן טיש. ווען זיי זענען צוריקגעקומען ווייטער פלאנירן, האבן זיי געזען די גאנצע מאפע איז צעריסן געווארן דורך דער זון פונעם קעניג - א קליין קינד, זיי האבן נישט געוויסט וואס צו טון, זיי האבן נישט געקענט צוריק צאמשטעלן און צאמקלעבן די מאפע וויאזוי עס איז געווען פריער, ביז איינער א חכם האט זיך אנגערופן "לאזט מיר, אלע זאלן ארויסגיין פון צימער און איך וועל דאס צאמשטעלן". אלע זענען ארויסגעגאנגען.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האבן זיי געטראפן די מאפע צוריק צאמגעשטעלט פונקטליך ווי פריער. דער קעניג האט זיך זייער געוואונדערט, האט ער געפרעגט, "וויאזוי האסטו דאס געקענט צוריק צאמשטעלן"? האט יענער געענטפערט: "דער וואס האט געצייכנט די מאפע, האט אויסגעמאלן אויף די אנדערע זייט

פונעם מאפע א בילד פון זיך; איך האב געוויסט אז דורך די ליניעס און צייכענונגען פונעם מאפע איז נישט מעגליך דאס צוריק צו צאמשטעלן, האב איך דאס איבערגעדרייט אויף די פארקערטע זייט ווייל דורך דאס בילד איז פיל גרינגער דאס צו צאמשטעלן, איך האב געלייגטביידע אויגן צוזאמען, דערנאך די איבעריגע שטריכן פונעם פנים, די נאז, די מויל און אזוי ווייטער, ביז איך צאמגעשטעלט דאס גאנצע בילד, דערנאך האב איך דאס צוריק ארומגעדרייט אויף די אנדערע זייט האב איך געטראפן די מאפע שיין צאמגעשטעלט פונקט ווי פריער".

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "מיר קענען נישט פארעכטן די וועלט, מיר קענען בלויז זיך אליינס פאררעכטן - אזוי וועט די וועלט פארראכטן ווערן. אזוי ווי דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געזאגט סוף ימיו: "אין מיינע יונגע יארן האב איך געמיינט אז איך וועל פאררעכטן די וועלט, שפעטער האב איך געזען אז איך קען נישט פאררעכטן די גאנצע וועלט האב איך געטראכט 'כאטשיג מיין שטאט וועל איך פאררעכטן', שפעטער ווען איך בין עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט פאררעכטן מיין שטאט, האב איך געטראכט 'איך וועל פאררעכטן מיין משפחה', אבער ווען איך בין נאך מער עלטער געווארן האב איך געזען אז איך קען נישט קיינעם פאררעכטן, איך וועל פרובירן מיך אליינס צו מתקן זיין".

## מלמדים

קכד) א תלמיד פון דער ראש ישיבה שליט"א, א מלמד, האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א צי ער זאל אננעמען א מלומדות פאסטן אין א יונגערע כיתה[א], אדער ער זאל ענדערש פרובירן צו

.........................................

[א] כיתות ד'-ה'

באקומען אן עלטערע כיתה וואו מען קען מער אריינלייגן אין די קינדער אמונה תפילה און יראת שמים.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "עס איז פונקט פארקערט ווי דו זאגסט. קליינע קינדער קען מען אסאך מער אנגרייטן איינפלאנצען איינבראקן יראת שמים תכלית פון לעבן; קען זיין מען זעט נישט גלייך דאס וואס מען וויל זען אבער מקבל זיין נעמען זיי אן אסאך מער".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "וואס דארף מען האבן צו זיין א מלמד? א מלמד דארף האבן "א ווייך הארץ צו די קינדער", "אביסל שכל וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדער", מען דארף "פאלגן" - מען דארף האבן "תמימות". דאס איז דער עיקר וואס מען דארף צו קענען ארבעטן מיט קינדער, זיין א מלמד, א מנהל וכדומה. אלעס אנדערש איז נישט משנה".

## דינען דעם אייבערשטן אן חשבונות

קכה) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: א בחור א תלמיד הישיבה איז אמאל אריין צו מוהרא"ש זכר צדיק לברכה, ער האט געוואלט מאכן פאר מוהרא"ש א נחת רוח, האט ער געזאגט פאר מוהרא"ש, "עס איז שוין אדורך כך וכך אזויפיל יאר וואס איך זאג יעדן איינציגסטן טאג ח"י פרקים משניות, איך האב נאך קיין איין טאג נישט פארפעלט דאס זאגן ח"י פרקים משניות". דער בחור איז געווען זיכער אז ער וועט באקומען פון מוהרא"ש א קאמפלימענט און מוהרא"ש וועט באוואונדערן זיין עקשנות דקדושה אז עס איז שוין עטליכע יאר וואס ער פארפעלט נישט דאס זאגן ח"י פרקים משניות. צו זיין איבערראשונג, אנשטאט אים גראטולירן און מאכן אן עסק פון אים האט מוהרא"ש אים געזאגט מיט א שמייכל, "אויב

עס איז אדורך א טאג וואס דו האסט משום איזה סיבה שהוא נישט געגעסן נאכטמאל, וועסטו דעם מארגנדיגן טאג נישט עסן קיין נאכטמאל ווייל דו האסט נעכטן נישט געגעסן? זיכער אז נישט! יעדן טאג איז א טאג פאר זיך, אויב האב איך איין טאג נישט געהאט קיין נאכטמאל וועל איך כאטש דעם קומענדיגן טאג עסן עפעס".

"די זעלבע זאך איז אין עבודת השם, אין תורה ותפילה - זאגט מוהרא"ש זכר צדיק לברכה ווייטער - אויב דו וועסט איין טאג נישט אנקומען צו זאגן ח"י פרקים משניות וועסטו דעם קומענדיגן טאג נישט עפענען א משניות?! יעדער טאג איז א טאג פאר זיך".

דער בחור איז געווען זייער אנטוישט, ער האט זיך געריסט מוהרא"ש וועט אים אויסרומען און אויסליבן און ביז דערווייל איז געווען פארקערט, ער איז גלייך צוגעגאנגען צום ראש ישיבה שליט"א און דערציילט די גאנצע מעשה, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "מוהרא"ש וויל דיר אנגרייטן אויפן לעבן, עס וועט אמאל זיין א טאג וואס דו וועסט נישט קענען לערנען זאלסטו נישט אפלאזן דעם משניות נאר ווייטער לערנען". וכך הוה, דער בחור האט חתונה געהאט, צוליב די פארשידענע טרדות וואס מאכט זיך כסדר ווען מען האט א שטוב מיט קינדער וכו' איז אמאל אויסגעקומען ער האט אויסגעלאזט איין טאג ח"י פרקים משניות. דעמאלט האט ער זיך דערמאנט אין דאס וואס מוהרא"ש האט אים געזאגט. אזוי האט ער זיך געקענט שטארקן דעם קומענדיגן טאג און עפענען דעם משניות און נישט זיין צעבראכן פון דעם וואס דעם פריערדיגן טאג האט ער נישט געקענט זאגן ח"י פרקים משניות; ווען נישט דעם וואס מוהרא"ש גרייט אים אן מיט די הקדמה, "מען קען נישט קוקן אויף נעכטן", וואלט ער זיך נישט געקענט מחזק זיין ווייל ער האט שוין נישט דעם "שוין אזויפיל יאר וואס איך האב נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג ח"י פרקים משניות"... אזוי אז מוהרא"ש האט אים אנגעגרייט האט ער געוויסט אז "פון היינט וועל

איך דינען דעם אייבערשטן".

## שחרית יא מנחה נישט

קכו) דער רבי זאגט[ב]: "ווען א איד איז שטארק מיטן דאווענען דריי מאל א טאג, שחרית, מנחה און מעריב, וועט ער בלייבן א איד; דאס האלט א איד שטארק אז מען זאל נישט אוועקפאלן פון אידישקייט".

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט, ער איז אמאל געווען ביי מוהרא"ש אין צימער מיט נאך עטליכע תלמידי היכל הקודש (דאס איז געווען ווען מוהרא"ש האט זיך געהאלטן אינמיטן זיך ערהוילן פון די שווערע הארץ אטאקע וואס ער האט געהאט חול המועד פסח תשע"ב לפ"ק), איינער פון די תלמידים פון מוהרא"ש וואס איז דארט אנוועזנד געווען אין צימער האט געזאגט פאר מוהרא"ש, איינער האט אים געזאגט, שחרית דאווענט ער אבער מנחה מעריב האט ער שוין לאנג נישט געדאווענט. האט זיך מוהרא"ש אנגערופן מיט א שוואכע שטימע: "עס איז נישטא אזא זאך "שחרית דאוון איך יא, מנחה-מעריב נישט"...; האסט אמאל געזען א מענטש זאגט "הענט האב איך יא, פוס אויך, א קאפ האב איך נישט..."?! עס איז נישטא אזא זאך. א מענטש וואס הייבט אן שניידן פון די תפילות ער הייבט אן שניידן פון מנחה מעריב, איז שוין ביי אים נישטא קיין שחרית וכו' וכו'".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג: "דער יצר הרע פארלייגט זיך זייער שטארק אז א מענטש זאל אנהייבן מזלזל זיין אין דאווענען; קודם הייבט דער מענטש אן צו פארפאסן מנחה מעריב, נאכדעם הייבט מען אן שניידן פון שחרית; מען ווערט א גאנצער

[ב] ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ח

תלמיד חכם - מען ווייסט שוין וואס איז דער עיקר דאווענען און וואס איז נאר א לכתחילה וכו' וכו', ביז מען הערט אויף אינגאנצן צו דאווענען; אזוי נעמט דער יצר הרע אוועק דעם מענטש פונעם אייבערשטן".